**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 3 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג פון MANHATTAN TELECOMMUNICATIONS CORPORATION אין ניו יארק סיטי**

***2.2 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג שטיצט פארברייטערונג פון הויפטקווארטיר און 100 נייע דזשאבס***

***פארשטערקערט ניו יארק סיטי אלץ צענטער פאר טעכנאלאגיע און ערפינדונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז Manhattan Telecommunications Corporation, א גלאבאלע קאמיוניקאציע טעכנאלאגיעס פראָוויידער פאר ביזנעסער אריבער די וועלט, אינוועסטירט 3 מיליאן דאלאר צו ברייט רענאווירן איר הויפטקווארטיר אויף 55 Water Street אין ניו יארק סיטי. אלץ טייל פון אירע פלענער פאר וואוקס, האט MetTel זיך אונטערגענומען צו שאפן צום וויניגסטנס 100 נייע פוּל-טיים דזשאבס אין סאפטוועיר דעוועלאפּמענט און פראפעסיאנאלע סערוויסעס בשעת'ן ווייטער אויפהאלטן 180 עקזיסטירנדע פוּל-טיים דזשאבס, ווערנדיג געשטיצט מיט ביז אזויפיל ווי 2.2 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאר דזשאבס פראגראם טעקס קרעדיטס וועלכע ווערן געגעבן דורך די עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) לויט די רעזולטאטן וואס די פירמע ברענגט. די ESD איז באגלייט געווארן דורך די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט (New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) צו אפצייכענען די עררייכונג מיט א 'חנוכת הבית' צערעמאניע ביי MetTel'ס הויפטקווארטיר אויף 55 Water Street.

"ניו יארק סיטי שטייט אלץ א לייכטורעם פון ערפינדונגען וואו שעפערישקייט און די גייסט פון ביזנעס בליהען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אויסברייטערונג פון MetTel שטייט אלץ עדות צו די ראיאָן'ס שטאנד אלץ א דינאמישע טעכנאלאגיע צענטער, ווידערהאלנדיג אונזער פאזיציע אויף די סאמע פארנט פון ערפינדונג, וואוקס און נייע דזשאבס."

געגרונדעט אין ניו יארק סיטי אין 1996, האט Manhattan Telecommunications Corporation (MetTel) געהאלפן ביזנעסער און רעגירונג ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן די פראדוקטיוויקייט פון זייערע קערפערשאפטן, רעדוצירן קאסטן און מאכן אפעראציעס מער איינפאך דורכן מאכן פראצעדורן אויטאמאטיש.די רענאוואציעס וועלן פארוואנדלען די הויפטקווארטיר צו ווערן א פאראגעשריטענע ארבעטספלאץ וואס שטופט פאר צוזאמענארבעט, שעפערישקייט און נייע ערפינדונגען. די פירמע האלט אויף באדייטנדע אפעראציעס אין ניו דזשערסי, יוטא און ראָוד איילענד, אלע פון וועלכע זענען אויך אין באטראכט גענומען געווארן צו מאכן דארט דעם אויסברייטערונג פראיעקט, אין צוגאב צו א פארגעשלאגענע גענצליך נייע לאקאציע אין פלארידע.

**מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "MetTel איז אן אמת'ע ניו יארק סיטי פירמע – געבוירן און אויפגעוואקסן דא – און איך בין אזוי פרייליך אז זיי פארבלייבן דא. די פובליק-פריוואטע שותפות שאפט

די דזשאבס פאר מארגן, עפענענדיג טעכנאלאגיע וואס וועט העלפן מיליאנען ניו יארקער און שטיצנדיג די גאנצע סיטי'ס ערהוילונג דורכן אויפנעמען נאך 100 ארבייטער. אונזער אדמיניסטראציע לעבט אויף ביזנעס געגנטער, פילט אן ליידיגע געשעפטן און אינוועסטירט אין די וואוקס פון וויכטיגע אינדוסטריעס, און מיר האבן צוריק באקומען 99 פראצענט פון די דזשאבס וועלכע זענען פארלוירן געווארן דורכאויס די פאנדעמיע ווייל ניו יארק סיטי איז די פלאץ צו אויפבויען אייער עקאנאמישע צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די ESD איז שטאלץ צו שטיצן די אויסברייטערונג פון MetTel, א שיינענדע ביישפיל פון א פירמע וואס איז געוואקסן אין די הארץ פון ניו יארק סיטי'ס לעבהאפטיגע טעכנאלאגיע פעלד. אונזער סיטי'ס דינאמישע ענווייראמענט און צוטריט צו די בעסטע טאלאנטן האבן פאראויס גערוקט MetTel'ס וואוקס און ערפינדונגען. די פארברייטערונג ווייזט ארויס די מאכט פון ניו יארק סיטי צו קענען פארשנעלערן די הצלחה אין די טעכנאלאגיע אינדוסטריע, און מיר זענען באגייסטערט אז MetTel וועט פארזעצן צו פלעגן זייער שאפן אין די עמפייער סטעיט."

**ניו יארק סיטי דעפיוטי מעיאר פאר האוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ארבעטסקראפט, מאריע טארעס-ספרינגער, האט געזאגט,** "דאס איז א געווינס פאר ניו יארק סיטי און פאר ניו יארק סטעיט, און עס איז אן אויסערגעווענטליכע ביישפיל פון וויאזוי די רעגירונג באשאפט די אומשטענדן אין וועלכע פריוואטע אינדוסטריעס זאלן קענען בליהען. איך קוק ארויס צו זעהן MetTel צולייגנדיג 100 נייע דזשאבס צו די סיטי'ס עקאנאמיע און צו זעהן די אנגייענדע וואוקס פון די פירמע און פון די ברייטערע טעלע-קאמיוניקאציעס אינדוסטריע אין ניו יארק."

**ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, ענדרו קימבאל, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו האבן געארבעט זייט ביי זייט מיט אונזערע שותפים פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צו צושטעלן די מיטלען וואס MetTel האט געדארפט, נישט נאר צו בלייבן אין ניו יארק סיטי נאר זאגאר זיך צו פארגרעסערן דא דורכן אויפנעמען נאך 100 פול-טיים דזשאבס. אלץ אן אמת'ע NYC-געגרונדעטע ארגאניזאציע, איז MetTel'ס באשלוס צו אינוועסטירן אין ניו יארק סיטי פאר די לאנגע טערמין א מוסטער פון די זעלבסט-זיכערהייט און פעסטקייט וואס די ביזנעס קאמיוניטי פילט מיט די עדעמס אדמיניסטראציע. ניו יארק סיטי זעצט פאר צו שטיצן די פעלדער וואס צאלן הויכע געהאלטן און זעהען גרויסע וואוקס, און די NYCEDC בלייבט פולשטענדיג איבערגעגעבן צו אויפבויען א לעבהאפטיגע, ארייננעמיגע און גלאבאל-ערפאלגרייכע עקאנאמיע אריבער די פינף בעראוס."

**MetTel'ס CEO, מארשאל אראנאוו, האט געזאגט,** "MetTel איז באגייסטערט צו באנייען איר פארפליכטונג צו די סיטי וואס האט געשפילט אזא וויכטיגע ראלע אין איר הצלחה. ניו יארק סיטי איז שטענדיג געווען א טרייב קראפט פאר ערפינדונגען און שטארקייט, און מיר זענען שטאלץ צו זיין א חלק פון איר בליהענדע ביזנעס קאמיוניטי. מיט אונזער אנגייענדע אנוועזנהייט אין די הארץ פון מאנהעטן, קוקן מיר ארויס צו פלעגן שטארקע שותפות'ן און צו האבן נאך א גרעסערע ווירדע פאר אונזערע קליענטן."

אין צוגאב, האט די NYCEDC ביזנעס אנטוויקלונג מאנשאפט געארבעט צוזאמען מיט MetTel און ESD דורכאויס צוויי יאר פון אנגייענדע פארהאנדלונגען צו זיכער מאכן אז די אויסברייטערונג קומט פאר אין NYC. MetTel ארבעט יעצט מיט די NYCEDC צו פארשטערקערן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג-פארבינדענע אקטיוויטעטן און צו פארשטערקערן זייער ראלע אין די לאָווער מאנהעטן ביזנעס קאמיוניטי.

ניו יארק סטעיט'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען האבן געפירט צו אן אטמאספערע וואס ערלויבט ערפינדונגען און וואוקס, ערנערנדיג די טעכנאלאגיע אינדוסטריע אין יעדע ווינקל פון די סטעיט. די געציהלטע אינוועסטירונגען שפילן א וויכטיגע ראלע ביים פאראויס רוקן ניו יארק סיטי'ס וואוקס אלץ אן

ערשט-קלאסיגע טעכנאלאגיע צענטער, דינענדיג אלץ א כוח צו שאפן נייע דזשאבס און אלץ פרוכטבארע ערד פאר מהפכיות'דיגע ערפינדונגען וואס מאכן אויפשפראצן עקאנאמישע פארשריט סיי לאקאלערהייט און סיי אריבער די גאנצע וועלט. מיט איר גלאבאלע רעפוטאציע, צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער און דינאמישע אטמאספערע, איז ניו יארק סיטי געווארן ווי א מאגנעט סיי פאר סטאַרט-אָפּס און סיי פאר אוועקגעשטעלטע טעכנאלאגיע פירמעס, רעזולטירנדיג אין א שטאנדהאפטיגע און פעסטע טעכנאלאגיע אינדוסטריע. דורכן שטיצן די לעבהאפטיגע אטמאספערע, טרייבט ניו יארק סטעיט פאראויס עקאנאמישע הצלחה, און זי באפעסטיגט איר שטאנד אלץ א פירער אין די דיגיטאלע עפאכע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418